**גוט שבת אלע אידן.** עס איז אמאל געווען א תלמיד פונעם ווילנער גאון וואס האט געהייסן ר' משה אשכנזי. ר' משה האט זיך נעבאך געפלאגט מיט פרנסה. וועגן דעם האט ער געדארפט ווערן א רבי אין א חדר אין א דארף ווייט אוועק פון וואו ער האט געוואוינט. ער איז געבליבן אין יענעם דארף כמעט דעם גאנצן יאר. ווייל פשוט, ער האט נישט געהאט גענוג געלט אהיימצופארן. נאר פאר די ימים הנוראים האט ר' משה צוזאמענגעשטעלט גענוג געלט צו קענען אהיימפארן צו ברענגען געלט פאר זיין משפחה.

חוץ דעם וואס ר' משה איז געווען גאר אן ערליכער איד און א מדקדק במצוות, איז עס דא געווען אבער איין מצוה וואס ר' משה איז געווען מורא'דיג מקפיד דערויף. דאס איז געווען די מצוה פון ציצית. ווילאנג ער האט געדענקט, איז ער קיינמאל אין זיין לעבן געגאנגען ד' אמות נישט אנגעטון מיט ציצית. דעם כבוד און חשיבות וואס ער האט געוויזן פאר די מצוה פון ציצית האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף זיינע תלמידים.

איין יאר, פאר יום טוב, איז ר' משה געווען אהיימפארענדיג אויף א וואגן. האלבוועגס אהיים, זענען זיין ציצית געכאפט געווארן צווישען די רעדער, און זיי זענען צוריסן געווארן. ר' משה האט גלייך געהייסן אז דער בעל עגלה זאל אפשטעלן דעם וואגן, כדי ער זאל קענען אנקוקן די ציצית צו זען אויב זיי זענען פסול געווארן, ווייל ער האט נישט געוואלט גיין ד' אמות אן ציצית.

דער בעל עגלה האט אפגעשטעלט דעם וואגן און ר' משה האט געזען אז די ציצית זענען ליידער פסול געווארן. ר' משה האט געטראכט אז ער וועט קענען פאררעכטן די ציצית, אבער נישט אינמיטן די וועג. צוליב דעם, האט ער געוואלט שיקן דעם בעל עגלה צוריק צו דעם דארף פון וואו זיי זענען יעצט געקומען, כדי דער בעל עגלה זאל קענען ברענגען א פרישען טלית קטן. ר' משה האט געוואלט ווארטן אויפן זייט פונעם וועג, בשעת דער בעל עגלה וועט פארן צו ברענגען די ציצית, כדי ער זאל נישט דארפן גיין ד' אמות אן ציצית. אבער דער בעל עגלה האט נישט מסכים געווען צוריקצופארן.

סוף כל סוף, נאך אסאך האנדלען, האט ר' משה מסכים געווען צו געבן פאר דעם בעל עגלה, דעם גאנצן סכום געלט וואס ער האט פארדינט דעם גאנצן צייט אלס מלמד אין חדר יענע זמן, זייט די לעצטע ימים טובים. עס איז געווען א געוואלדיגע גרויס סכום געלט צו באצאלן פאר ציצית, אבער ר' משה האט געמיינט אז ער האט נישט קיין ברירה, ווייל ער האט נישט געוואלט פארן ווייטער אן ציצית. דערפאר, האט ער איבערגעגעבן דעם גאנצן סכום געלט פאר דעם בעל עגלה. דאן האט ער גענומען ווארטן אויפן זייט פונעם וועג.

פאר מיר גיין ענדיגען דעם מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון דער חשיבות פון די מצוה פון ציצית, וואס ווערט דערמאנט אין די היינטיגע פרשה. עס איז כדאי צו דערמאנען דעם וויכטיגקייט פון זיין מקפיד אויף די מצוה פון ציצית. ווייל דורך טראגן ציצית, ווערט א איד דערמאנט וועגן שמירת העינים וואס איז די שליסל פון יראת שמים און עבודת ה'. אזוי ווי רש"י הקדוש איז מסביר, "הלב והעינים הם מרגלים לגוף, מסרסרים לו את העבירות, העין רואה, והלב חומד, והגוף עושה את העבירות." (במדבר טו, לט) דער הארץ און די אויגען זענען די שפיאונען פונעם גוף, וועלכע טון כסדר אנטראגן עבירות פאר די גוף צו טון. ווייל דער סדר איז, אז דער אויג זעט, און דער הארץ גליסט, און דאן טוט די גוף די עבירות. עס קומט אויס אז ציצית האבן א געוואלדיגע חשיבות ווייל זיי היטן אפ א איד פון טון עבירות. איז לאמיר יעצט ענדיגען אונזער מעשה וואס ווייזט אויף די כח פון ציצית.

דער בעל עגלה איז אוועקגעפארן לאזענדיק ר' משה אויפן זייט פונעם וועג, אבער, ער איז ליידער נישט צוריקגעקומען. יעצט האט ר' משה נישט געהאט סיי נישט זיין געלט און סיי נישט זיין ציצית. אבער מיט איין זאך האט ער זיך געפרייט, ער האט אוועקגעגעבן אלע זיינע געלט פאר די מצוה פון ציצית.

ר' משה האט געווארט אויפן זייט פונעם וועג, נישט קענען גיין ווייטער צוליב זיין מקפיד זיין נישט צו גיין ד' אמות אן ציצית. א שטיק צייט שפעטער איז געקומען אן אנדערער בעל עגלה וואס האט רחמנות געהאט אויף ר' משה און ער האט מסכים געווען צו ברענגען ציצית פאר ר' משה.

עטליכע חדשים שפעטער ווען ר' משה איז געווען אין חדר, איז פלוצלינג אריינגעקומען א שליח אינמיטן פארלערנען. דער שליח האט מודיע געווען אז ר' משה'ס ברודער איז נעבאך געווארן נישט געזונט, ווייל ער האט געהאט אן ערנסטען סטראוק, ל"ע. דער ברודער האט געהייסן ר' יצחק, דער בעל מחבר פונעם ספר "ברית עולם." עס האט נישט אויסגעקוקט ווי ר' יצחק וועט דערלעבן דעם וואך.

ר' משה האט גלייך גענומען פארן צו זיין ברודער. ער איז אריינגעקומען אין דעם שטוב פון זיין ברודער און ער האט געהייסן אז יעדער איינער זאל ארויסגיין. דער קליינער עולם איז ארויסגעגאנגען, אבער זיי האבן אריינגעקוקט אין דעם שטוב דורך א פאר שפאלטן און די טיר. זיי האבן געזען א מורא'דיגע זאך. ר' משה איז געשטאנען איבער זיין נישט געזונטען ברודער, און ער האט געזאגט תהלים שטילערהייט. פלוצלינג האט ר' משה אויסגעטון זיין טלית קטן און ער האט עס אויסגעשפרייט איבער זיין ברודער וואס איז געלעגן אין בעט. דאן האט ער געזאגט, "רבונו של עולם, נישט נאר דאס וואס איך האב איבערגעגעבן מיין גאנצע לעבן פאר מצוות, אבער איך האב אויך אוועקגעגעבן אמאל מיין גאנצען פארמעגן פאר די מצוה פון ציצית. יעצט בין איך גרייט אוועקצוגעבן אלע מיינע זכותים [פון די מצוה פון ציצית] לזכות פון מיין ברודער, כדי ער זאל זיין געזונט!"

דאן האט ר' משה צוריק אנגעטון זיין טלית קטן און ער איז ארויסגעגאנגען פונעם שטוב. זיין ברודער האט ב"ה געלעבט נאך 5 יאר, פאר ער איז אוועק! (די מעשה ווערט פארציילט דורך ר' אריה לעווין ז"ל.)

אין פאריגע דורות איז די מצוה פון ציצית געווען לכאורה אסאך שווערער ווי היינט, ווייל יעדער בגד איז געווען האנד ארבעט. יעצט אז מען קען קויפן די מהודר'סטע טלית קטנ'ס גרינגערהייט, זאל מען טאקע אריינכאפן דעם געלעגנהייט צו קענען מקיים זיין די חשובה מצוה פון ציצית מיט אלע הידורים. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו די השפעות פון שמירה און יראת שמים וואס קומען אראפ דורך ציצית. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נישואי נכדתו בת חתנו הרה"צ רבי אברהם יהושע העשל שליט"א בשעטומ"צ

מזל טוב למוה"ר יודל ליכטער שליט"א לרגל שמחת לידת נינו, נכדו של חתנו הרב ר' יחזקא' שרגא הכהן שווארץ שליט"א

מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף פישער הי"ו לרגל שמחת לידת בנו • נתרם לע"נ ר' יצחק בן ר' משה יודא ע"ה

נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא, מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, ודוב בן רחל בתוך שאר חולי ישראל

לע"נ ר' עמרם בן ר' שמעון ע"ה • לע"נ בלומא יוכבד בת ר' אברהם צבי ע"ה

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)